ספרי׳ – אוצר החסידים – ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

כתובים בידי הרבנית הצדקנית
מרת **חנה** ע״ה ז״ל

אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל
**מוהר״ר ר׳ לוי יצחק**
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

הוריו של כבוד קדושת
**אדמו״ר מנחם מענדל**
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת ו של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

ט"ז מרחשון, ה'תשע"ב

ברוקלין, נ.י.

## Reshimas Zichronos

KESUVIM BIDEI HARABANIS HATZIDKANIS

MARAS CHANA

Installment 6

Published and Copyrighted © 2011
by

**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

נדפס בדפוס: The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700

# אַ פּראָצעס אויף אַ שטיקל ברויט

נאָר דאָס[122] איז געווען אַ תענוג רוחני. עס איז אָבער אַ דורך אַ שטיקל צייט, און עס האָט זיך אָנגהויבן וועלן עסן. קיין „לחם" האָט מען ניט געגעבן, און מען האָט ניט געקענט קויפן פאַר געלט אויך.

ער איז אַ מאָל געשטאַנען אויף דעם וואַקזאַל און האָט געזען ווי מען פאַרקויפט ברויט צו די וועלכע האָבן אַ רעכט אויף דעם. זעענדיק איינעם אַ קאָמוניסט וועלכער האָט פאַרנומען אַ גרויסן פּאָסטן און וועמען עס האָט געקומט צוויי פּאָרציעס, האָט ער געפרעגט דעם קאָמוניסט, צו ער וועט אים אפשר פאַרקויפן אַ שטיקל ברויט און די סופּ מיט די פלייש פון דער פּאָרציע, וועט ער אים לאָזן. דער קאָמוניסט האָט איינגעשטימט אויף דעם, און פאַר אַ געוויסע סומע געלט האָט ער אים פאַרקויפט אַ שטיקל ברויט.

איינער פון די אָנגעשטעלטע האָט באַמערקט ווי מען מאַכט געשעפטן מיט די פּאָרציעס, אַ זאַך וועלכע איז שטרייננג פאַרבאָטן, האָט ער גלייך צוגערופן דעם קויפער און דעם מוכר און האָט פאַרשריבן ביידנס נעמען אויף צו דערלאַנגען אין סוד[123].

די שרעק וואָס ער האָט דאַן איבערגעלעבט, האָב איך זייער גוט פאַרשטאַנען, האָבנדיק אויף זיך אַ נייעם חטא, נאָכדעם ווי ער איז ערשט געקומען אויף אַ נייעם אָרט.

מיט גרויס מורא האָט ער געוואַרט אויף דעם טאָג פון דעם משפט, און כאָטש איך געדיינק ניט אינגאַנצן אַלע פּרטים פון דעם פּראָצעס, איז דאָס לפי ערך אַ דורכגעגאַנגען מיט חסד, ווייל מען האָט דעם מוכר ניט געקענט צופיל באַשולדיקן.

דאָס איז געווען איידער איך בין געקומען אַהין.

* * *

122) הכוונה להנחת הטלית ותפילין בפעם הראשונה.

123) משפט.

## מען וויל מיר צונעמען די דירה

ווען ער איז, סוף שבט, געקומען אויף אַן אָרט, האָב איך פאַר אַ חודש צייט זיך גענומען צוגרייטן אַ ביסל מלבושים, וואָס מען האָט דאָרט געקענט טראָגן, און איינגעאָרדנט די דירה אַ ביסל.

עס האָט מיר נאַטירליך געקאָסט אַ סך געזונט, וואָס באַלד נאָך זיין אַוועקפאָרן, האָט מען מיר געוואָלט צונעמען די דירה, ערשטנס האָב איך געדאַרפט אַן אָרט אויף וואוינען, און דער עיקר – האָב איך געהיט די דירה און האָב געהאָפט אַז ער וועט זיך אין גיכן אומקערן, און אַלעס וועט זיין ווי געווען.

אַלס אַ פרוי פון אַ פאַרשיקטן קאָנטער־רעוואָלוציונער, איז מיין יחוס נאַטירליך שטאַרק געפאַלן, און איך האָב געפילט דערפון שטאַרק געערגערט.

דער דאָם־קאָם[124], וועלכער איז געווען אַ קאָמוניסט, אַ איד, האָט זיך צו מיר מיט אַזאַ גוטע פריינטשאַפט געהאַלטן וואָס איז ניט איבערצוגעבן, ער האָט געטאָן כשר'ע און פאַלשע דרכים, און ריזיקירנדיק זיין שטעלע און פרנסה, האָט ער זיך מיט קיין זאַך ניט גערעכנט, און האָט געלאָזט די דירה פאַר מיר.

פאַרבלייבנדיק אין די הויז, האָב איך אַריינגענומען אַ שכן אין איין צימער, און איך מיט רחל'ן זיינען געבליבן וואוינען אין די איבעריקע צימערן. ווען איך האב דאָס אָפּגעטאָן, האָב איך זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין, און אַ וואָך נאָך פורים[125] בין איך אַוועקגעפאָרן צו אים.

* * *

## אין מאָסקווא

ווענדליק די צוגן זיינען דעמאָלט געגאַנגען, בין איך געפאָרן אין מאָסקווא אויף שבת, און פון מאָסקווא האָט מיר גענומען פינף טעג פאָרן, ביז איך בין געקומען קיין טשילי.

124) האחראי על הבנין.

125) שנת ת"ש.

כאָטש עס איז אונטער יענע באַדינגונגען געווען פון די שווערסטע זאַכן, איז מיר געלונגען מיט צונעמען פסח׳דיקע כלים, פסח׳דיקע שמאַלץ, מצה און וויין.

אין מאָסקווא האָב איך באַקומען לחם און קאַרטאָפליעס[126]. און דורך אַן ערלויבעניש פון אַ באַקאַנטן וואָס האָט געאַרבעט אין נ.ק.וו.ד. האָב איך באַקומען היפש שפייזן אין акрытый распредел[127] וואָס לא כל אדם זוכה אויף אַריינגיין אַהין. אַזוי, האָב איך אָנגעגרייט מזונות אויף אַ שטיקל צייט.

דורך אַ באַקאַנטן וועלכער איז געווען אין אַלע הויכע פענצטער, ווי מען זאָגט דאָרט, היימיש, האָט מען מיר באַקומען אַ בילי׳עט אויף דעם צוג מיט וועלכן איך וועל קענען אָנקומען אויפן אָרט פאַר שבת, און זאָל אָנקומען אַהין ניט ביינאַכט, ווייל בייטאָג איז אויך געווען גאַנץ שווער אַראָפצוגיין, געוויינליך צו־פוס, און פון קויט[128] איז ניט געווען מעגליך די פיס אַרויס צו שלעפן.

די באַציאונגען פון די פריינט און גוטע פריינט אין מאָסקווא איז געווען צו מיר אַזוי וואַרעם און איבערגעגעבן, אַז דאָס אַליין האָט מיר געגעבן כח איבערצוטראָגן אַלע צרות.

אָנקומענדיק קיין מאָסקווא, בין איך גלייך פון וואַקזאַל, אָן די זאַכן, אַוועק צו דער פּראָקוראָטורא זיך צו פאַרשרייבן אין דער אָטשערעדי, אויף דערלאַנגען אַ בקשה וועגן באַפרייען דעם פאַר׳משפּט׳ן. האָט מען מיר געהייסן קומען אין צוויי טעג אַרום, דאָס איז אויסגעפאַלן פרייטאָג.

איך בין צו דער ריכטיקער צייט געקומען. וואָס מען פילט וואַרטנדיק דאָרט, און אַריינגייענדיק צום אדון אליין, איז ניט איבערצוגעבן מיט ווערטער. הונדערטער מענטשן האָבן דאָרט געוואַרט, יעדער איינער מיט פאַרביטערטע הערצער, און אַלע האָבן זיך געוואָלט פאַרבעסערן, און האָבן מורא געהאַט פאַר גרויסע סכנות.

---

126) תפוחי אדמה.

127) חלוקה סגורה; חלוקה פרטית.

128) בוץ.

אַריינגייענדיק לפנים, האָבן זיי מיר זייער שיין צוגענומען. אָבער טראָץ זייער איידעלן געשפּרעך, האָט דאָס האַרץ אויף אַ רגע ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן, ביי אַלע וועלכע קומען נאָר אָן צו זיי.

אויסהערנדיק אַלעס, האָבן זיי מיר צוגעזאָגט אַז מען וועט איבערקוקן אַלע פּאַפּירן פון דעם פאַרשיקטן, און אַז מען וועט מיר אַ היים ענטפערן.

מיט די אַלע הבטחות און מיט אַ צובראָכן געמיט, ווי אַלע וואָס האָבן דאָרט דערלאַנגט די אייגענע בקשות, בין איך אַוועק אויף מיין דירה וואו איך האָב זיך געפונען אויף זיין שבת. און שבת־צו־נאַכט[20] צוועלף אַזייגער, האָב איך געדאַרפט פאָרן אויף מיין ווייטערדיקער וועג.

* * *

## אַ רייזע פון מער ווי פינף מעת־לעת

ווען איך האָב געדאַרפט אָפּפאָרן, זיינען זיך צוזאַמען געקומען פריינט און גוטע פריינט, אַרום פופצן אין צאָל, און מיר זיינען אַלע אַוועק אויף דעם וואַקזאַל, געמאַכט אַלע קונצן, מען זאָל קענען דורכפירן אַלע פּעקלעך וואָס איך האָב געהאַט, אַ זאַך וואָס איז דעמאָלט געווען פאַרבאָטן, האָבן מיר גוט באַצאָלט דעם פּעקל טראָגער און זיינען אַריין אין וואַגאָן.

מיין רייזע האָט געדאַרפט געדויערן מער ווי פינף מעת־לעת. איינע פון מיינע באַגלייטער האָט געגעבען אַ מתנה דער פּרוי וועלכע האָט געפירט דעם וואַגאָן, אַז זי זאָל אויף מיר די גאַנצע צייט אַכטונג געבן, און מיר באַזאָרגן מיט טיי און נאָך אַזעלכע זאַכן וואָס מען האָט געקענט איבער כשרות.

צווישן די וועלכע זיינען געפאָרן מיט מיר אין צוג, זיינען געווען אָדער גרויסע סוחרים אָדער געלערענטע לייט, פּראָפעסאָרן פון די ניי אויפגעבויטע אוניווערסיטעטן פון די הויפּט־שטעט פון די ווייט אַזיאַטסקע לענדער.

וואו איך פאָר, און צו וועמען איך פאָר, האָב איך קיינעם ניט

געזאָגט. אויף דעם פינפטן מעת־לעת, ווען עס האָט זיך דערנענטערט די צייט צו מיין אַראָפּצוגיין פון צוג, האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך פאָר צו מיין זון, וועלכער אַרבעט אין איספּאָלקאָם[16].

* * *

## אַ לאָך אין האַרץ

אויף דער סטאַנציע, האָבן זיי אַלע געוואַרט אויף דער מאַשינע וועלכע זיי האָבן געדיינקט אַז עס וועט פאַר מיר קומען. און האָבן מיר אַלץ דערציילט דערווייל, ווי שלעכט דאָ איז פון די היצן, בלאָטעס[128] און קאַמאַרעס[129], און ווי מענטשן שטאַרבן דאָ פון די מאַלאַריע קראַנקייט. בעת איך האָב געדאַרפט אַרויסגיין פון דעם וואַגאָן, האָבן זיי פאַר מיר אַרויס געטראָגן אַלע פּעק און געוואַרט אויף מיין זון מיט דער מאַשינע.

צו זייער ערשטוינונג, איז מיין זון מיט דער מאַשינע ניט געקומען, און אַנשטאָט אים האָט מיר באַגעגענט מיין מאַן ז״ל, מיט נאָך אַ פאַרשיקטן אידן. כאָטש איך בין געווען גאָר שטאַרק צופרידן וואָס איך האָב אים דערזען, איז מיר אָבער פון זיין אויסזען מיט דער הלבשה און פון די גאַנצע פאַרענדערונג פון דעם געזיכט, און עפּעס אין דעם גאַנצן מענטשן, איז מיר געוואָרן, ווי מען זאָגט, אַ לאָך אין האַרצן. נאָר געוויינליך, אי ער אי איך, האָבן זיך ביידע טראָץ דעם אַלעמען, געשטאַרקט.

* * *

## אַ קליין צימער אין אַ אָרעמען דאָרף

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיט אַראָפּ אין שטאָט, ווי דאָס הייסט, און קומען אַליין ברייגגען אַלץ וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך צו דער וואָוינונג. עס האָט גענומען עטליכע טעג דאָס צו אָרגאַניזירן, און ווער עס זאָל דאָס מאַכן איז כמעט ניט געווען. אַ געוויסער קאַזאַך,

129) יתושים.

אַ ביסל אַ ווילדער, האָט זיך אונטערגענומען דאָס פּשוט צו טראָגן אויף די פּלייצעס, און די איבעריקע האָבן מיר אין דרייען, געטראָגן, מיין מאַן, איך און דער צווייטער איד.

דער וועג פון מער ווי צוויי קילאָמעטער איז געווען אַ שווערער, גאַלע קלעפּיקע קויט[130], וועלכע האָט געמאַכט דאָס גיין זייער שווער, מיר זיינען אָבער אַלע אָנגעקומען בשלום.

עס איז אַ שרעקליך אָרעמער דאָרף. ווען די אַיינוואָוינער פון דאָרף האָבן דערזען די היפּש פּעק, האָבן זיי לויט זייער פאַרשטאַנד אָנגעהויבן קוקן אויף אונז ווי אויף גרויסע גבירים. זייער באַציאונג צו פאַרשיקטע איז אָבער דאָרטן ניט געווען קיין שלעכטע, האָבן זיי דאָס מוחל געווען און זיך ניט באַגאַנגען מיט אונז אַזוי שלעכט ווי מיט רייכע מענטשן בכלל.

דער צימער וואו מיר זיינען אָנגעקומען איז געווען ביי אַ פאַמיליע פון אַ טאָטער[131], וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ מאַן מיט אַ ווייב מיט אַ קליין „שְקָץ" פון אַ פּאָר יאָר. אויף אַריינצוגיין צו זיך אין צימער, האָט מען געדאַרפט דורכגיין אַ פאָדער־הויז וועלכער איז געווען נאַס פון קויט און טונקל פון פליגעלעך, און דערנאָך האָט מען געדאַרפט דורכגיין דעם צימער פון די בעלי־בתים, דאָס הייסט דעם שלאָף צימער און עס־צימער.

* * *

## דער לעבן אין טשילי

באַלד האָב איך געבראַכט אַ טשייניק, און אויף אָנגעקלויבענע שפּענדלאַך האָב איך אָפּגעזאָדן טיי. צו טרינקען די וואַסער פון גלאָז, האָט מען געדאַרפט וואַרטן ביז די וואַסער וועט זיך אָפּשטיין און די זאַמד פון גלאָז איז געבליבן אויף דער דנאָ[132]. שפּעטער האָט מען זיך דערצו צו געוואוינט, נאָר דעם ערשטן מאָל מאַכט דאָס זייער ניט קיין גוטן איינדרוק.

---

130) בוץ דביק.

131) הטטרים הם צאצאי שבטים מגזע מונגולי.

132) תחתית.

ביים טרינקען די טיי, איז די גויע מיטן קינד געזעצן דערביי, און קיין טיר צומאַכן דעם צימער איז ניט געווען, מאַטיעריאַל צו רעדן און צו דערציילן איינעם דעם צווייטן איז נאָך אַזאַ יאָר געווען גענוג.

דערווייל איז שוין געקומען די נאַכט און מען האָט געדאַרפט טראַכטן וועגן אָפּרוען זיך אַ ביסל. די איינציגע באַלייכטונג וואָס מיר האָבן געהאַט איז געווען פון אַ מין סאָרט קליין לייכטערל אָנגעפילט מיט בוימל. אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט, און באַזאָרגט זיך מיט אַ קריגל וואַסער אויף אינדערפרי[133], וואָס איז געווען פון די גרויסע זאַכן. איך האָב פאַרהאָנגען די צוויי פענצטער מיט וואָס איך האָב געפונען פון די זאַכן וועלכע איך האָב געבראַכט, און געוואָלט מאַכן רוה. האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה מיט די פליגעלעך, אַ מין סאָרט בייסעניש. טראָץ דעם אַלעמען, איז מען אַ ביסל פונדעסטוועגן איינגעשלאָפן אויך.

אינדערפרי, האָט מען זיך אויפגעהויבן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן פירן אַ געוויסער סדר־היום, וועלכער האָט זיך דערנאָך געפירט אַזוי אַלע טאָג. יעדן פאַרנאַכט פלעגן מיר גיין אויפן וואַקזאַל, דאָס איז געווען דער איינציקער אָרט וועלכער פלעגט אַריינברייגגען אַ ביסל לעבן. דאָרטן איז געווען אַ געוויסער באַנק וואו מיר פלעגן זיך צונויפקומען. פאַרשיקטע אידן זיינען געווען בלויז צוויי, מיין מאַן ז״ל און נאָך איינער פון קיעווער אינטעליגענציע, אַ געוועזענער בונדעוויץ[134], וועלכער איז שוין געזעצן כמעט צוויי יאָר אין תפיסה, די איבעריקע זיינען געווען פון אַלערליי פעלקער.

אַלע האָבן שוין געוואוסט אַז איך בין געקומען, די באַציאונגען צווישן אַלע איז געווען זייער אַ היימישע און אָן אינטערנאַציאָנאַלישע, די זכרונות פון זייער עבר האָט זיי פאַראייניקט.

איינמאָל האָב איך באַמערקט ווי אַן אינזשעניער, אַ קריסט, האָט אים אָנגענומען פאַר דער באָרד, און אים געפרעגט, ווי אַזוי איז די באָרד ביי

---

133) עבור נטילת ידים שחרית.

134) בונדאי. — ה„בּוּנְד״ הוא כינוי׳ של „מפלגת הפועלים היהודיים של רוסיה, פולין וליטא״.

אייך גאַנץ געבליבן, ווייל מיט מיר אין קאַמער איז געזעצן איינער וועמען מען האָט געשלאָגן וואָס ער האָט ניט געלאָזט אָפּשערן די באָרד, און מען האָט אים דערפאַר אָפּגעגאָלט אינגאַנצן[135].

מיר זיינען אַזוי געזעצן ביז צען אַזייגער, און דערנאָך איז יעדערער אַוועק אויף זיין אָרט וואו ער האָט זיך געפונען.

* * *

135) ראה לעיל ע' 000.

## משפט על כיכר לחם

לאחר שחלף זמן־מה — התעורר הרצון לאכול. לחם — לא ניתן לגולים, ואף תמורת תשלום לא ניתן היה להשיגו.

פעם עמד בעלי בתחנת־הרכבת, וראה שמתבצעת מכירת לחם לאלו שהיתה להם הזכות לכך. בראותו קומוניסט אחד שהחזיק במשרה חשובה, שבזכותה הגיעה לו מנה כפולה, שאל בעלי את הקומוניסט אם יסכים למכור לו חתיכת לחם, ואילו בעלי יותיר ברשותו את המרק והבשר הכלולים במנה. הקומוניסט השיב בחיוב, ומכר חתיכת לחם לבעלי תמורת סכום כסף מסויים.

אחד הפקידים הבחין בשניים כשהם סוחרים במנות המזון, דבר שהיה אסור בתכלית. הוא קרא מיד לקונה ולמוכר ורשם את שמותיהם, במטרה להעמיד אותם למשפט.

הבאתי היטב את האימה שחווה בעלי באותם ימים, כשלפתע מצא את עצמו נושא על שכמו חטא "טרי", בשעה שזה־עתה הגיע למקום חדש. בחשש גדול המתין בעלי ליום המשפט, ואם־כי אינני זוכרת את כל פרטי התהליך, בסופו של דבר הוא צלח את התקרית בחסד לפי־ערך, משום שלא ניתן היה להאשים את המוכר יתר על המידה, בשל מעמדו.

כל זה אירע לפני שהגעתי לשם.

### הדירה בדנייפרופטרובסק בסכנה

לאחר שהגיע בעלי למקום גלותו, בסוף חודש שבט, עסקתי כחודש ימים בהכנת מלתחה בסיסית של בגדים — כאלו שניתן היה ללבוש במקום הגלות — ובסידור מעמד דירתנו בדנייפרופטרובסק.

מיד לאחר נסיעת בעלי רצו השלטונות לקחת ממני את הדירה, ומטבע הדברים עלה לי הדבר בבריאות מרובה. לכל־לראש — הרי הייתי זקוקה למקום לגור בו, ובעיקר — שמרתי על הדירה מתוך תקוה שבעלי יחזור במהרה והכל ישוב להיות כבעבר. כאשתו של אנטי־מהפכן שנשלח לגלות, חלה כמובן ירידה גדולה במעמדי החוקי, והדבר הכעיס אותי מאוד.

למרבה המזל, האחראי על הבניין, שהיה יהודי קומוניסט, נהג כלפי בידידות שאינה ניתנת לתיאור. הוא פעל בדרכים כשרות ובלתי־

כשרות, תוך סיכון תפקידו ופרנסתו, ולא התחשב בשום דבר עד שעלה בידו לשמור את הדירה ברשותי.

משהוברר שאוכל להישאר בדירתי, הכנסתי דייר לאחד מחדרי הבית, ואני ורחל נשארנו לגור בשאר החדרים. משסיימתי לסדר כל זאת התחלתי להתכונן לצאת לדרך, ושבוע לאחר פורים[58] יצאתי בדרכי אל בעלי.

* * *

## עצירה במוסקבה

בהתאם לזמני נסיעתן של הרכבות באותם ימים, נסעתי לשבת למוסקבה, וממוסקבה נמשך המסע חמישה ימים נוספים עד שהגעתי לציאילי. הצלחתי לקחת עמי כלים כשרים לפסח, שומן־עופות כשר לפסח, מצות ויין, על־אף שבתנאי אותם ימים היה זה מהדברים הקשים ביותר לביצוע.

במוסקבה השגתי לחם ותפוחי־אדמה, ובעזרת אישור ממכר שעבד בנ.ק.וו.ד. השגתי כמות ניכרת של מוצרי מזון במסגרת "חלוקה סגורה" שלא כל אדם זוכה להצטרף אליה, וכך הכנתי מזונות שיספיק לנו לזמן־מה.

באמצעות מכר שהיו לו מהלכים בכל "החלונות הגבוהים" (כפי שאומרים שם), השגתי כרטיס לרכבת שבה אוכל להגיע לפני שבת, ושאינה מגיעה לציאילי בשעת לילה, שכן הירידה מהרכבת — בהליכה רגלית כמובן — קשה דייה גם ביום, והיה כמעט בלתי־אפשרי לשלוף את הרגליים מן הבוץ בכל צעד.

יחסם של ידידינו וחברינו הטובים במוסקבה אלי היה כה חם ומסור, עד כדי כך שהוא עצמו נתן בי כוח לסבול את כל הצרות.

כשהגעתי למוסקבה, פניתי היישר מבית־הנתיבות — מבלי לקחת את חפציי — אל משרד התביעה, כדי להירשם בתור להגשת בקשה לשחרור בעלי שנשפט לגלות. נצטוויתי להגיע כעבור יומיים, מועד שחל ביום שישי בשבוע.

הגעתי בזמן הנקוב. ההרגשה במהלך ההמתנה והעלייה למשרדו של ראש התביעה בכבודו ובעצמו — אינה ניתנת לתיאור במלים. מאות אנשים המתינו שם, כל אחד במר־לבו. כולם רצו להיטיב את מצבם של

58) שנת ת"ש.

קרוביהם, ובד־בבד פחדו מהסכנות הגדולות הכרוכות בכך. כשנכנסתי פנימה התקבלתי בסבר פנים יפות, אולם למרות סגנון הדיבור האדיב של הפקידים במקום — לבבותיהם של הנזקקים לשירותיהם לא חדלו מלהלום בחזקה ולו לרגע אחד.

הפקידים הקשיבו לכל דבריי, והבטיחו לי שיבחנו מחדש את כל המסמכים הנוגעים אל בעלי הגולה ויענו לי על בקשתי במכתב לביתי. כשברשותי כל ההבטחות האפשריות אך מצב־רוחי עגום — כמו כל אלו שהגישו שם בקשות דומות — יצאתי אל הדירה שבה שהיתי בשבת.

## נסיעה של יותר מחמש יממות

במוצאי שבת, בשעה שתים־עשרה בלילה, היה עלי להמשיך בנסיעתי. כשהגיע שעתי לצאת לדרך, התאספה קבוצה — כחמישה־עשר במספר — מידידינו ומידידינו הטובים, והלכנו כולנו יחד אל בית־הנתיבות. השתמשנו בכל התחבולות האפשריות כדי שנוכל להעביר את כל החבילות שהיו ברשותי (דבר שהיה אסור אז על־פי חוק). שילמנו היטב לסבל, והחבילות נכנסו אל הקרון.

הנסיעה עתידה היתה להימשך יותר מחמש יממות. אחד ממלוויי העניק מתנה לאשה הממונה על הקרון, כדי שתשגיח עלי במשך כל הנסיעה, ותדאג לספק לי תה חם ומצרכים נוספים שניתן היה להשיג ללא בעיות כשרות.

בין הנוסעים ברכבת יחד עמי היו סוחרים גדולים, וכן מלומדים, פרופסורים מהאוניברסיטאות החדשות שהוקמו בערי הבירה של הארצות שבעומק אסיה. לאן אני נוסעת ואל מי אני נוסעת — לא סיפרתי לאיש. רק ביום החמישי של הנסיעה, כשהתקרב זמן ירידתי מהרכבת, אמרתי להם שאני נוסעת אל בני העובד ב״איספולקום״[13].

## איחוד מחדש

בתחנה המתינו כולם לכלי הרכב שסברו שיבוא לאסוף אותי, ובינתיים סיפרו לי עד כמה גרוע מזג האוויר המקומי — החום, הביצות והיתושים, וכי אנשים מתים כאן מקדחת המלריה. כשהגיע זמני לצאת מן הקרון, נשאו אנשים אלה עבורי את כל החבילות, והמתינו לבני שיבוא עם כלי רכבו. לתדהמתם, בני וכלי הרכב לא הופיעו, ובמקומו קיבלו את פני בעלי ז״ל ויהודי גולה נוסף...

יחד עם שמחתי הרבה על כך שעלה בידי לראות את בעלי שוב,

הרי מראהו החיצוני ולבושו, כמו כללות השינוי שחל בפניו, והשינוי שהורגש איכשהו בכל מראהו, חוררו (אם להשתמש בלשון הדיבור) חור בלבי. אבל מובן שהתחזקנו למרות הכל, גם הוא וגם אני.

בשלב זה החלה פרשייה חדשה — ה"ירידה לעיר" (כפי שהדבר מכונה שם), ולאחר־מכן החזרה לתחנת הרכבת לבדי, כדי לארגן את העברת כל החפצים שהבאתי עמי אל הדירה. ארגון ההעברה ארך מספר ימים, וכמעט לא היה מי שיעשה זאת. לבסוף התנדב קאזאח אחד, פראי במקצת, לשאת את החפצים על כתפיו, ואילו את החבילות הנותרות נשאנו שלושתנו — בעלי, אני והיהודי הנוסף.

הדרך — יותר משני קילומטרים אורכה — היתה קשה, כולה בוץ דביק שהקשה מאוד על ההליכה, אולם הגענו כולנו בשלום.

היה זה כפר עני להחריד. כשראו תושבי הכפר את החבילות הרבות, הם החלו לראות בנו עשירים גדולים, בהתאם להבנתם. אולם מאחר שהיחס שם אל הגולים לא היה רע, הם מחלו לנו על "עושרנו", ולא נהגו בנו ברוע כפי שנהגו באנשים עשירים בכלל.

## תנאי החיים בציאילי

החדר שאליו הגענו היה בביתה של משפחה טטארית[59], שכללה איש, אישה ו"שקץ" קטן בן מספר שנים. כדי להיכנס לחדרנו היה עלינו לעבור דרך חדר־מבוא, שהיה רטוב מבוץ ואפלולי מרוב זבובים, ואחריו היה עלינו לעבור דרך חדריהם של בעלי־הבית — חדר השינה וחדר האוכל.

מיד עם הגיענו לשם הבאתי קומקום, והרתחתי תה באמצעות שבבי־עץ שאספתי. כדי לשתות את המים מהכוס היה צורך להמתין עד שהם ישקטו מרתיחתם והעפרורית שבהם תשקע אל השוליים. עם הזמן התרגלנו לכך, אך בפעם הראשונה אין הדבר עושה רושם טוב כלל.

בזמן ששתינו את התה ישבה בחדר הסמוך הגויה עם ילדה, ודלת לסגור בה את החדר — לא היתה; ואילו חומר לשיחה ודברים לספר זה לזה — לאחר שנה שכזו היה בשפע.

בינתיים פרש כבר הלילה את כנפיו, והיה עלינו להתארגן למנוחה קלה. מקור האור היחיד בחדרנו היה מין פמוט קטן שמולא שמן. אכלנו את ארוחת הערב ומילאנו כד מים (אף הוא מן הדברים שהשגתם דרשה

---

59) הטטארים — צאצאי שבטים מגזע מונגולי.

מאמץ גדול) לנטילת ידיים של שחרית. כיסיתי את שני החלונות בכיסויים כלשהם שמצאתי בין הדברים שהבאתי עמי. רצינו לנוח מעט, ומיד החלה פרשייה חדשה — הזבובים שגרמו לנו למין תחושת עקצוץ. למרות כל זאת עלה בידינו גם לישון מעט.

בבוקר קמנו משנתנו, וכך החל להתנהל לו סדר־יום מסויים, שלפיו התנהגנו מעתה מדי יום. בכל יום לפנות־ערב נהגנו ללכת אל בית־הנתיבות. היה זה המקום היחיד שהכניס מעט חיים לחיי השגרה. היה שם ספסל קבוע שסביבו נהגנו להתאסף. יהודים גולים היו רק שניים — בעלי ז״ל ועוד אחד, מהחוגים המשכילים בקייב, איש ״בונד״[60] לשעבר, שכבר ישב במאסר כמעט שנתיים. שאר הגולים היו בני לאומים שונים. כולם כבר ידעו שהגעתי. היחסים בין כל הגולים היו חמימים מאוד וחוצי־לאומים; זכרונות העבר שלהם איחדו אותם.

פעם הבחנתי במהנדס נוצרי שתפס את בעלי בזקנו ושאל אותו: ״כיצד עלה בידכם לשמור על זקנכם המלא? אני שואל זאת משום משום שבעבר חלקתי את תא־המאסר עם יהודי שהוכה לאחר שסירב להניח לסוהרים לספר את זקנו, ובשל כך גילחו את זקנו לחלוטין״.

נהגנו לשבת שם עד השעה עשר בלילה, ולאחר־מכן פנה כל אחד מהגולים אל מקום מגוריו.

60) מפלגת פועלים יהודית.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישה**

וזוגתו מרת **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו מרת **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו מרת **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב